בעזהשי"ת




חודש כסלו תש"ע לפ"ק

# היכל המתיבתא

# הילכיגער קול תורה צום התחלת הזמן קלינגט אפ אין אלע אפטיילונגען בהיכל המתיבתא

פריידיגער געפיל ביי אנשי שלומינו איבער רוחניות'דיגע אנטוויקלונגען - קרוב צו 700 תלמידי המתיבתא ווערן נתעלה לשמחת לב פון זייערע חשובע עלטערן און מרביצי תורה שליט"א

מיט גרויס סייעתא דשמיא און אומבאגרעניצטע הצלחה - באגלייט בברכת הקודש פונעם גרויסן ראש הישיבה כ"ק מרן רבינו עט"ר שליט"א – האבן זיך געעפנט די טויערן פונעם היכל המתיבתא צום איצטיגן ווינטער-זמן, ווען די פילע הונדערטער תלמידי ולומדי הישיבה – אין שפיץ פון זייערע חשובע מגידי שיעור און מרביצי תורה שליט"א - האבן זיך צוריקגעזעצט צו די גמרות, און געשאפן א רוח התורה און א גייסט פון התמדה אין אלע אפטיילונגען.

היי-יאר איז ספעציעל צום דערקענען דער געוואלדיגער קורת רוח פון די עלטערן און חשובע תומכי הישיבה, נאכדעם עס איז ארייגעלייגט געווארן איבערמידליכע כוחות אין אלע יארגענג פון אונטן ביז ארויף, און פרישע מעלות לטובה זענען איינגעפירט און אוועקגעשטעלט געווארן, צו פארזיכערן דעם ריכטיגן תועלת ותכלית הנרצה פון די חשובע בחורי חמד און זייער רוחניות'דיגע הצלחה על דרך העולה בית קל.

צוליב'ן פרישן אוישטעל און סידור הישיבה זענען די געטרייע חברי הנהלת המוסדות הי"ו געצווינגען געווארן צו רענאווירן און צוצושטעלן פרישע כיתות, עס-זאלן, און בתי מדרשים לתורה ולתפילה, און אלע אנדערע נויטיגע צוגעהערן.

אבער וואס א טאג עס גייט פארביי שטעלט זיך ארויס אז עס האט זיך אויסגעצאלט! און קוקנדיג אויפן אמת'ן תכלית פון די חשובע בחורי חמד - די צוקונפטיגע דורות אויף וועמען די עלטערן לייגן אזויפיל האפענונג, אלס די קומענדיגע רבנים, דיינים, און חשובע בעלי בתים פונעם דור - ווערט דער הערליכער "תורה ויראה אימפעריע" ווייטער נמשך בגאון ובעוז, באגלייט דורך די חשובע מנהלים ומרביצי תורה שליט"א, אויפן דרך המסורה פונעם מייסד הישיבה מרן רביה"ק בעל דברי יואל זי"ע, בהמשכת מרן רביה"ק בעל ברך משה זי"ע, ותחת דגלו והדרכתו המליאה פון כ"ק מרן רבינו עט"ר שליט"א.

תלמידי וחסידי סאטמאר די בכל אתר ואתר, וואונטשן זיך אויף די ווייטערדיגע הצלחה און סייעתא דשמיא אין אלע פליגלען פון ישיבתינו הק', און קוקן ארויס מיט האפענונג אז כאשר זכינו לסדר אותו, מיטן כח און זכות פון מרנן רבותיה"ק זי"ע וואס האט אונז באגלייט ביז אהער, כן נזכה לעשותו, עס ווייטער ממשיך צו זיין ביתר שאת ועוז. יגדיל תורה ויאדיר.

## מיטן רעכטן פיס!...

אריינטרעטענדיג אינעם ווינטער-זמן פון תש"ע לפ"ק, ווען די מאסיווע און באגריסנדע אנטוויקלונגען אינערהאלב ישיבתינו הק' ווערן באגלייט און נאכגעפאגלט מיט א ברייטע אינטערעסע דורך אנשי שלומינו איבער די גארער וועלט, האבן מיר דעם כבוד צו פרעזענטירן דעם אינפארמאטיוון נייעס-ווינקל, אונטערן נאמען "היכל המתיבתא".

אונזער ציל: אז אונזערע טייערע תומכים און מחזיקים, הורי התלמידים שיחיו, און אלגעמיינע אנשי שלומינו וועלכע קוקן ארויס אויף די ווייטערדיגע הצלחה פון די הייליגע ישיבה און אלע אירע אנטוויקלונגען ברוחניות ובגשמיות, זאלן האבן די מעגליכקייט זיך צו באקענען פון דער נאנט מהנעשה ונשמע במתיבתא.

**האלטנדיג דעם כלל פון "הנותן מתנה לחבירו צריך להודיעו" פאר די אויגן, שפירן מיר פאר א כבוד אייך איינצומעלדן אז אונזער אויסגאבע וועט בעז"ה ערשיינען מידי חודש בחדשו, פרעזענטירנדיג א רייכער איבערבליק איבער די טאג טעגליכע אנטוויקלונגען אינערהאלב די הייליגע ישיבה, און צומאל א טיפערן בליק פון "אונטער די קוליסן" וואס ווערט פראקציטירט אין די ישיבה מידי יום ביומו.**

שטייענדיג אצינד אין אזא זמן ווען די חשובע און געטרייע חברי הנהלת המתיבתא, בפקודת הקודש פון כ"ק מרן רבינו עט"ר שליט"א, האבן ארייגעלייגט איבערמידליכע כוחות איבערצופרישן אלע אפטיילונגען אינערהאלב ישיבתינו הק', האבן דאסמאל באשלאסן צו ווידמען דעם ערשטן נומער מיט נייעס'ן און רעפארטאזשן איבער די מאסיווע פעולות אין אלע אפטיילונגען צוזאמען, און אין די קומענדיגע אויסגאבעס וועלן מיר מער אויסברייטערן איבער די אינערליכע אקטיוויטעטן ביי יעדן אפטיילונג און פליגל באזונדער בין כותלי הישיבה.

מיר האפן אז דער "היכל המתיבתא" אויסגאבע וועט אייך ברענגען פיל הנאה און פארגעניגן. ליינט מיט אינטערעסע, און שעפט אידיש נחת!

ביקרא דאורייתא
**הנהלת המתיבתא**

ליינט פון קומענדיגן חודש אנגעהויבן:
### א בליק פון דער נאנט
אינערהאלב יעדער אפטיילונג באזונדער בהיכלי ישיבתינו הק'

ליינט מיט אינטערעסע אינפארמאטיווער מאמר:
### ישיבו"ת גדולו"ת שנו כאן!
2

חודש'ליכער שידוכים ווינקל:
### קול מצהלות חתנים
12

חודש'ליכער ווינקל איבער די פילצאליגע חבורות בהיכל המתיבתא:
### קביעין כן תהוון בהנהו חבורתא
5

# ישיבו"ת גדולו"ת שנו כאן...

אלגעמיין איז אנגענומען אין די וועלט אז 'א טיילונג' איז אן ענין וואס איז זייער נישט קיין געוואונטשענער זאך... עס איז אן ענין וואס מען זוכט צו פארמיידן פאר יעדן פרייז.

וויאזוי איז אבער ווען דער "טיילונג" איז פונעם פאזיטיוון זין? ווען מען צעטיילט צווי פלאנצונגען מיט די כוונה אזביידע פון זיי זאלן ארויסגעבן שענערע און נאראהאפטיגערע פירות? ווען דער ציל איז מען זאל זיך קענען בעסער אפגעבן און פלעגן יעדן באזונדער? אה, דאן איז שוין די סיטואציע גאנץ אנדערש!

די הייליגע ישיבה ומתיבתא תורה ויראה - וועלכע ווערן גערופן דורך אנשי שלומינו בלשון חיבה "דעם רבינ'ס ישיבה!" – וואס איז סטאנציאנירט סמוך ונראה לציון המציונת פון מרנן רבותיה"ק, מרן רבינו הקוה"ט בעל דברי יואל זיע"א מייסד הישיבה, וממשיך דרכו בקודש מרן רביה"ק בעל ברך משה זיע"א, וועלכער האט איבערגעפלאנצט די ישיבה הק' אין קרית יואל, וואו עס שפיגלט שוין מיט איר פראכט און גלאנץ לאנגע יארן לשם ולתהילה, צום שטאלץ פון תלמידי וחסידי סאטמאר איבער די גארער וועלט, ולנחת רוח פארן גרויסן מנהיג העדה כ"ק מרן רבינו עט"ר שליט"א, וועלכער שעפט תענוג ונחת דקדושה מיטהאלטנדיג דעם רוח התורה טאג טעגליך בהיכל הישיבה, און פון די גוטע גריסן וואס אנשי שלומינו ברענגען כסדר אריין אל הקודש פנימה.

עד היום הזה זענען אירע הערליכע פירות, הרבנים הגאונים, דיינים מומחים, בעלי בתים נכבדים, און פרחי אברכים, די שענסטע און בעסטע עדות איבער איר אויסטערלישע הצלחה און סוקסעס בעז"ה, לתפארת מרנן רבותינו הקדושים זי"ע.

אין לויף פון די אלע יארן - כולם שוין לטובה - איז טאקע געווען צום דערקענען דער געוואלדיגער קורת רוח ביי תלמידי וחסידי סאטמאר איבער די וועלט, צוצוזעהן וויאזוי די פרחי כהונה, די חשובע בחורי חמד, שטייגן בתורה ויראת שמים, און ווערן אויסגעפארעמט על דרך העולה בית קל.

במשך הזמן האט זיך דער בליה און וואוקס פון די ישיבה גאר שטארק צעוואקסן בליעה"ר, אויסשטייגנדיג אלס דער גרעסטער מקום תורה ויראה אינעם עולם הישיבות בה"א הידועה, צום פרייד און שטאלץ פון אלע אנשי שלומינו איבער די וועלט, וועלכע האבן געקוואלן פונעם הרחבת גבולי הקדושה אויף אלע געביטן.

עס איז אבער זעלבסטפארשטענדליך אז אזא ריזן אימפעריע וואו עס זענען סטאנציאנירט אזויפיל הונדערטער לומדי תורה, פאדערט פיל מער פערזענליכע הילף און באגלייטונג פאר א יעדן בחור באזונדער, אז קיינער זאל נישט שפירן וואו ער איז בלויז "ארייגעפאלן" אין א ריזן "חינוך פאבריק"... נאר ער איז אויסגעקליבן געווארן צו זיין א תלמיד הישיבה אויף וועמען מען קוקט ארויס און ער ערווארט פון אים א הערליכן עתיד; עס פאדערט זיך אין אין אזא פאל א באזונדערע עינא פקיחא און השגחה יתירה; עס פאדערט זיך פארשידענע אנדערע רוחניות'דיגע און גשמיות'דיגע צוגעהערן וועלכע ווערן פארלוירן אין א "גרויסע ישיבה", וכהנה רבות.

## פון "ישיבה" צו "ישיבות"

האלטנדיג פאר די אויגן דעם כלל גדול וואס דער רבי זאל זיין געזונט פאדערט פון אנ"ש כסדר, אז "העכער'ס האט נישט קיין שיעור!" און נאכן דן זיין דאס ענין בכבוד ראש א לענגערע צייט, זענען די געטרייע חברי הנהלת המתיבתא – בהתייעצות כ"ק מרן רבינו שליט"א - געקומען צו די ענדגילטיגע החלטה ארויפצושטעלן א גענצליך נייעם מהלך פון "צעטיילטע ישיבות", וועלכע וועט פיל צוגעבן צום פראכט און גלאנץ פון ישיבתינו הק', דורכן ערמעגליכן זיך אפצוגעבן מיט א יעדן בחור באזונדער; אויפצוברענגען א יעדע כיתה און אפטיילונג באזונדער ביז צום מאקסימום תועלת און תכלית; צושטעלן פרישע מנהלים רוחניים און מרביצי תורה פאר יעדן יארגאנג; א.א.וו.

אין לויף פון די פארלאפענע חדשים האבן די געטרייע הנהלת המתיבתא געהאט אויף זייערע פלייצעס זייער א שווערע און הייליגע אויפגאבע, מען איז געזעצן אינאיינעם מיט חשובע מרביצי תורה ומשפיעים שליט"א אויסצוארבעטן דעם געניועם מהלך און בלו-פרינט, וויאזוי צו צעטיילן און מסדר צו זיין א יעדע יארגאנג באזונדער;

## א בליק פונדערנאנט אויף די פילע אפטיילונגען

ווי געזאגט, איז די כוונה פון "צעטיילן" איז בלויז אין פאזיטיוון זין. באזונדערע מנהלים פאר יעדן עלטער; באזונדערע בתי מדרשים פאר יעדן עלטער; באזונדערע עס-זאלן פאר יעדן עלטער; פארלערנען כיתות; יעדע איינע פון זיי באזונדער פארמאגן איין הייליגער ציל: מחנך צו זיין די חשובע בחורי חמד אויפן הייליגן דרך הסלולה פון מרנן רבותיה"ק זי"ע, וועלכע ווערט ווייטער נמשך בגאון ובעוז דורך ממלא מקומם וממשיך דרכם בקודש, כ"ק מרן רבינו עט"ר שליט"א.

אין די זעלבע צייט וואס די אפטיילונג און יארגענג זענען טאקע צעטיילט, הערשט אבער א געוואלדיגע אחדות'דיגע צוזאמארבעט צווישן אלע יארגענג און אפטיילונגען, איין מנהל מיטן צווייטן טוישן אויס פארשידענע וויכטיגע אינפארמאציע; מ'שמועסט זיך אדורך; מ'גיבט עצות און אנווייזונגען איינער פארן צווייטן; און טאקע צוליב דעם איז צום פארדאנקען די געוואלדיגע סייעתא דשמיא וואס באגלייטן די חשובע מנהלים שליט"א אויף טריט און שריט.

## מעלות יתירות; א תוצאה פונעם טויש

עס איז איבעריג ארויסצוברענגען די פילע מעלות יתירות וואס אט דער הערליכע סיסטעם האט מיטגעברענגט מיט זיך, די צעפרידענע געזיכטער פון חשובע בחורי חמד און מרביצי תורה שליט"א דאס זאגט שוין אלעס פון זיך אליינס... דאס איז דער גרעסטער סימן פון הצלחה.

אבער דאך וואלט געווען פאסיג זיך אפצושטעלן אויף איין כלליות'דיגע נקודה, ווי עס איז צום דערקענען דער אויסטערלישער תועלת הניכר פונעם נייעם סיסטעם, און דאס איז טאקע די סיבה פארוואס דער נייער איינפיר האט ארויסגערופן אזויפיל רעספעקט און שעצונג ביים ברייטן ציבור אנשי שלומינו, הורי התלמידים, און תומכי הישיבה שיחיו.

דער תועלת דערפון דערקענט זיך אויף טריט און שריט, ווען די בחורי חמד שפירן פיל מער התקשרות מיטן מנהל פון 'זייער' אפטיילונג; ס'שטערט פאר די בחורים ווען 'זייער' אפטיילונג טויג עפעס נישט אדער איז הונטערשטעליג ברוחניות; מען פרובירט זיך צו באפלייסן אויף אלע אופנים צו פארזיכערן די הצלחה און סוקסעס פון 'זייער' אפטיילונג; עס שאפט זיך א שטארקער און נאנטער קשר צווישן די בחורי חמד מיט "זייער ישיבה", זייער














אפטיילונג, זיי שפירן נישט אז זיי זענען בלויז איינער צווישן הונדערטער בחורי חמד אין א גרויסן "חינוך פעקטארי"...

און אט דער יסודות'דיגער פונקט קומט צום אויסדרוק ביי אומצאליגע געלעגנהייטן.

עס איז דבר ידוע ומפורסם אז דער דור פון יונגע בני תורה לעכצן כסדר נאך חיזוק און מוט, מען קוקט ארויס אויף כסדר'דיגע הילף כאויר לנשימה, און עס איז זעלבסטפארשטענדליך אז דער היינטיגן געוואוטשענעם טויש טוט פיל פארלייכטערן פאר די מרביצי תורה שליט"א צו פראקטיצירן און אויספירן די פליכטן מכח אל הפועל, דער פאקט אז דער תלמיד הישיבה שפירט אז ער ווערט באאבאכטעט און געטריי באגלייט טאג נאך טאג, מען קוקט ארויס אויף זיין טעגליכע התעלות און מען האפט אויף זיין הערליכער צוקונפט, ער האט אן אוזן קשבת און אפענע אויערן פונעם מנהל און מגי"ש, אט דער פאקט שאפט א שטארקער קשר אמיץ צווישן די תלמידי הישיבה און די מגידי שיעור, וועלכע קומט צוניץ צו יעדע צייט.

דאס זעלביגע איז אויך צום דערקענען דער געוואלדיגער שינוי לטובה וואס איז איינגעשטעלט געווארן, מיטן צושטעלן פאר יעדע אפטיילונג באזונדער א ביהמ"ד און עס-זאל אויפן ארט. אט דער פאקט האט גורם געווען אז די חשובע תלמידי הישיבה זענען נישט געצווינגען זיך איינצוהאנדלען אזא גרויסער "שכר הליכה" פון און צו דעם ביהמ"ד, וואס דאס פלעגט פארשטענדליך אראפ'גנב'ענען זייער אסאך צייט מבין כותלי הביהמ"ד.

ס'איז א פריידיגער בילד אריינצוקומען היינט צוטאגס אין אלע אפטיילונגען פון די היכלי המתיבתא, בלויז עטליכע מינוט נאכדעם וואס דער פרישטאג\מיטאג האט זיך אנגעהויבן, זיצן שוין די בחורים צוריק איבערגעבויגן איבער די גמרות מיט א פרישקייט, צוליב'ן פאקט אז דער ביהמ"ד און עס-זאל געפונען זיך זייט ביי זייט, איינע נעבן די אנדערע.

אזוי אויך טעכניש פארמאגט דער איינפיר שטארקע מעלות יתירות. דער צוגאנג און סדר הלימודים איז נישט איינציג ביים זעכצן יעריגער בחור'ל ווי ביים תלמיד הישיבה פון די עלטערע כיתות; בו בזמן וואס אין איין עלטער לערנט יעדער דעם זעלבן שיעור; לערנט מען ביי א צווייטן אפטיילונג עטליכע שיעורים; ביי איינעם לערנט מען פאר אין די כיתות און ביי א צווייטן רוב טאג אין ביהמ"ד; א.א.וו.

ביז היינט ווען איין שיעור-יארגאנג פלעגט ארייננייגן אין די כיתות צום פארלערנען, איז דער חסרון געווען ניכר אין ביהמ"ד, און עס האט פארשטענדליך געהאט אן אפעקט און השפעה אויפן קול תורה אין בית המדרש.

היינט צוטאגס ווען יעדער געפונט זיך אינעם אייגענעם מסגרת, מען פראקטיצירט דעם "ברב עם הדרת מלך" אויפן אייגנארטיגן שטייגער, דערקענט זיך א אויסטערלישער התעלות אין דעם געביט. ס'הערשט א פרישער שטארקער רייץ און חשק ביי אלע בחורי חמד קונה צו זיין נאך און נאך בלעטער גמרא און מקצועות אין שו"ע; און זיין אויסגעטאן פון אלע הבלי עולם הזה, צו וויסן בלויז פון איין זאך: די ד' אמות של הלכה!

## דער תועלת פאר יעדן בחור באזונדער

דער געראטענער מהלך איז א שטארקער תועלת און קריטיש-וויכטיגער "וויטאמין" פאר א יעדן סארט בחור באזונדער, וועלכע זענען זוכה צו אן אויסטערלישער התעלות רוחני, צווישן די ווענט פון זיין מסגרת וואו מען גיבט זיך מיט אפ אויף א שטערקערן פארנעם.

אין אט די יארן, ווען דער פלייסיגער בחור'ל שטעלט אראפ זיין יסוד אויף א גאנץ לעבן, העלפט א קלענערער מסגרת פיל ארויס אז ער זאל זיך משלים זיין בעשר מעלות, און ארויסקומען פון דארט א כלי שלימה במלוא מובן המלה.

ווידער פאר די חשובע בחורי חמד וועלכע זענען נישט אויף אזא הויכן שטאפל, זענען פיל מער אויסגעשטעלט צו שטייגן בסולם העולה, ווערנדיג געהויבן און באגלייט מיט א פאטערליכן געפיל, סיי דורכן מנהל שליט"א, סיי דורכן חשובן ראש השיעור שליט"א, און געטרייע מגידי שיעור שליט"א, וועלכע שפירן א פליכט און אן אחריות אויפצוהייבן "מיין" בחור העכער און העכער, אזוי אז ווען דער בחור קומט ארויס פון די ישיבה און איז זוכה אויפצושטעלן זיין אייגענע אידישע שטוב, איז ער ממש נישט צום דערקענען, ער איז בכלל נישט געווען דער זעלבער וואס איז אריינגעקומען, נאר איז געשטיגן עשר מעלות רמות.

עס איז צום דערקענען דער התעלות פאר א יעדן בחור באזונדער, יעדער שפירט דעם ויגבה לבו בדרכי ה', און ער מאכט זיכער שלא יבוטל התמיד אין "זיין" ביהמ"ד, ער שפירט א פאראנטווארטליכקייט מרומם צו זיין דעם כבוד התורה אין זיין אפטיילונג.

דאס איז בנוגע די בחורי חמד לומדי הישיבה. און ווער רעדט נאך פון די מנהלים און חשובע מגידי שיעור, וועלכע שפירן א זעלטענע אינטערעסע און הערצה כלפי 'זייער' ישיבה-אפטיילונג, זיי וועלן אינוועסטירן שעה'ן אויף שעה'ן זיכער צו מאכן אז די בחורים שטייגן און וואקסן בתורה וביראת שמים ווי עס פאסט זיך, און זיי וועלן זיך איבערשטרענגען איבער די כוחות צו פארזיכערן די הצלחה פון זייער אפטיילונג.

די שיעורים זענען צעטיילט געווארן לויטן פאלגענדן סדר, איש על מחנהו ואיש על דגלו:

**שיעור א'**

**הר"ר דוד שלמה עקשטיין שליט"א**
מנהל

**חלק א'**

**הר"ר יוסף דוד לעווי שליט"א**
ראש השיעור לפנצ"ה

**הר"ר וואלף דוד ווערצבערגער שליט"א**
ראש השיעור אחצ"ה

**חלק ב'**

**הר"ר אברהם יושע ווערצבערגער** שליט"א
ראש השיעור לפנצ"ה

**הר"ר אברהם הערש זאלדאן שליט"א**
ראש השיעור אחצ"ה

**שיעור ב'**

**הר"ר ליפא ווערצבערגער שליט"א**
ראש השיעור

**הר"ר לוי יצחק בארזעסקי שליט"א**
מנהל

**שיעור ג'**

**הר"ר מאיר צוויבל שליט"א**
ראש השיעור

**הר"ר אברהם מאיר מארקאוויטש שליט"א**
מנהל

**שיעור ד' - מתיבתא גבוה**

**הר"ר ארי' דוב קארנבלי' שליט"א**
ראש השיעור לפנ"צ

**הר"ר יצחק יעקב ראזענפעלד שליט"א**
ראש השיעור אחצ"ה

**הר"ר משולם זושא שניטצלער שליט"א**
מנהל

## יום שבתון אין לשכוח!

אלס א תוצאה פונעם הערליכן טויש האט דער שבת קודש בהיכל המתיבתא באקומען א נייער באדייט, א נייער התרוממות, מעין עולם הבא, ס'איז צום שפירן אין די לופט דער געוואלדיגער התעלות ושפע קודש וואס קומט אראפ אין אזא הייליגן טאג.

דער שבת קודש הויבט זיך שוין אן מיטן ספעציעלן פרייטאג'דיגן "סדר היום", וואו די בחורי חמד פולן אויס דעם טאג מיט שיעורים קבועים, זיך צוצוגרייטן צום שבת קודש מיט אן הכנה דרבה כראוי וכנכון פאר בחורי חמד פון יעדן עלטער. מידי שבת בשבתו ווערט דער געהויבענער טיש "פרייטאג צונאכטס" אפגעראכטן געוני ווי ביז היינט ברוב עם הדרת מלך, אינאיינעם מיט תלמידי ישיבתינו הק' פון אלע אפטיילונגען, ביים שלחנו הטהור פון כ"ק מרן רבינו שליט"א אינעם "היכל השלחנות", און איז א יעדע וואך באזונדער א מעמד נשגב ונהדר, פול מיט התרוממות הנפש און מזון רוחני, וועלכע באגלייט די חשובע בחורים דורכאויס די גאנצע קומענדיגע וואך.

אבער היי-יאר איז ספעציעל איינגעשטעלט א נייער סדר אין עטליכע אפטיילונגען בהיכל הישיבה, אז אויך שבת קודש אינדערפרי זאלן די חשובע בחורים פראווען די "בייטאג סעודה" אינאיינעם ברב עם הדרת מלך, יעדער אין זייער אפטיילונג אויף א געהויבענעם שטייגער, אין שפיץ פון זייערע חשובע מרביצי תורה און מנהלים שליט"א.

דער שבת המלכה ווערט באגלייט מיט א התרוממות'דיגע סעודת "מלוה דמלכה"; וואס די חשובע בחורי חמד פראווען מיט זמירות שירות ותשבחות בצוותא חדא, און באזונדער זענען בארימט די הערליכער דברי השקפה וואס דער חכם וסופר הרב רבי שמואל שלמה טעללער שליט"א מרביץ תורה ב'קרית יואל איז משמיע וועכנטליך, באגלייט מיט הערליכע היסטארישע ידיעות און באלערנדע ענינים.

### באזונדערע אפטיילונגען בכולם שוין לטובה

אין אלע אפטיילונגען און פיליאלעס אינערהאלב די מתיבתא הק' איז מען פארנומען אין די טעג צו פארוויקליכן דעם "הזורעים בדמעה ברנה יקצורו", ווען עס וועט זיין צו דערקענען די גוואלדיגע מעלות לטובה און תועלת וואס וועט בעז"ה צושטאנד קומען א דאנק דעם גרארטענעם מהלך

אצינד – בעת'ן שרייבן די שורות – ווען דער קול תורה הילכט אפ אין אלע אפטיילונג מיט אן אויסטערלישן ברען, פיבערט זיך העפטיג אינערהאלב די קארידארן פון די הנהלה רוחניות, א יעדער מהלך באזונדער איז פארנומען מיט זיין יארגאנג, מען פירט איין פארשידענע תיקונים און מען פארזיכערט אז עס איז צום דערקענען אן ערנסטער התעלות אין א יעדע כיתה באזונדער, וועלכע וועט זיין צום דערקענען לכל אורך הדרך.

עס איז זעלבסט פארשטענדליך אז די חשובע און געטרייע חברי הנהלת המתיבתא הי"ו זענען נאך גאר ווייט פון פארטיג, און אט די פילצאליגע פעולות וועלכע זענען אראפגעשטעלט געווארן היי-יאר איז בלויז די געוואונטשענע התחלה, אבער אויף דערוויל איז דער האפענונג פונעם ברייטן ציבור אנשי שלומינו, אין שפיץ פון די חשובע הורי התלמידים, מנהלים און מרביצי תורה שליט"א, אז דער הערליכע מיליטער לה' ולתורתו הק', וועט זוכה זיין אפצוצייכענען א זעלטענער זמן מיט אויסטערלישע הצלחה און סייעתא דשמיא!

להבדיל בין קודש לקודש!

# כ"ק מרן רבינו שליט"א שעפט קורת רוח ביים באזוכן די היכלי המתיבתא;

## ערהאלט פריידיגער באריכט איבער די אנגייענדע בוי-ארבעט

אנשי שלומינו תלמידי וחסידי סאטמאר זענען שוין היינט אינפארמירט איבער די מאסיווע בוי-פראיעקטן אין וואס די געטרייע הנהלת המתיבתא זענען אריינגעשפרינגען לפאר ולרומם בית ה'.

אין לויף פון די פארלאפענע חדשים זענען זיי געזעצן אינאיינעם מיט חשובע מרביצי תורה ומשפיעים שליט"א אויסצוארבעטן דעם גענויעם מהלך און בלו-פרינט, וויאזוי צו צעטיילן און מסדר צו זיין א יעדע יארגאנג באזונדער; און גלייכצייטיג איז מען געזעצן מיט בוי-עקספערטן אויסצוארבעטן די אינדזשענירונג-פלענער פון די רענאוואציעס אין וואס דאס ציהט אריין, אהערשטעלן נייע "היכלי בתי מדרשים" פאר א יעדע כיתה באזונדער; נייע "פראכטפולע עס-זאלן" וואס זאלן צוגעבן מיט הרחבת הדעת און מנוחת הנפש; "פארלערנען כיתות"; וועלכע איז פארשטענדליך גאר שווער צוצושטעלן אין די עקזיסטירנדע בנינים און געביידעס; און צו פארזיכערן די הצלחה פון א יעדע יארגאנג באזונדער בעז"ה, ועוד ידם נטוי' צו פארברייטערן און פארשענערן אויפן צוקונפט בעז"ה.



רבינו שליט"א ביים באזיכן דעם בהמ"ד פון שיעור א

רבינו שליט"א ביים באזיכן דעם נייער רענאווירטן בהמ"ד פון שיעור ב'

רבינו שליט"א ביים הערן א באריכט איבער די אנגייענדע בוי-ארבעט.

רבינו שליט"א ביים באזיכן דעם נייער רענאווירטן בהמ"ד פון שיעור ג'

נאכדעם וואס די בוי-ארבעט האט שוין געהאלטן אט אט ביים פארענדיגט ווערן, און די שערי המתיבתא זענען שוין כמעט גרייט געווען זיך צו עפענען ברוב פאר והדר, האבן די געטרייע חבר הנהלת המתיבתא, הנגידים החשובים הי"ו געהאט דעם כבוד און זכי' צו א פערזענליכער באזוך פון כ"ק מרן רבינו שליט"א וועלכער האט געוואלט כאפן א בליק פונדערנאנט און באאבאכטן די מלאכת הבני' און פריידיגער פארשריט.

ביי די געלעגנהייט איז רבינו שליט"א ארומגעצייגט געווארן איבער אלע אנטוויקלונגען און ווייטערדיגע פלענער, און האט ערהאלטן א ערשט-האנטיגן באריכט פון די בוי-פלענער דורך די חשובע חברי הנהלת המתיבתא הי"ו, פון וועלכן דער רבי שליט"א איז געווען מלא התרגשות, און האט געהאט א געוואלדיגער קורת רוח.

כ"ק מרן רבינו שליט"א האט באזוכט ביי די באזונדערע "היכלי בית המדרש" פון יעדן עלטער; די באזונדערע עס-זאלן פאר יעדן עלטער; די פארלערנען כיתות; א.א.וו. און האט אויסגעדרוקט א הארציגן יישר כח אין שמחת הנפש אין ריכטונג פון די געטרייע חברי ההנהלה שיחיו.

שהחיינו והגיענו לזמן הזה.



חודש'ליכער ווינקל

## איבער די פילצאליגע חבורות בהיכל המתיבתא

# התרגשות'דיגער באזוך פון כ"ק מרן רבינו שליט"א ביים פטרון חבורת "נהר שלמה"

**הרבני החסיד הר"ר שלמה חיים הייזלער שליט"א**
ראה"ק דק"ק עצי חיים ד'סיגוט

**פייערליכער מעמד "קניית זכות החבורה" אפגעהאלטן געווארן כמידי שנה בשנה**

*לרגל דעם אפצייכענונג צום "חזקת ג' שנים" פון די בארימטע "חבורת נהר שלמה", וועלכע פונקציאנירט בהיכל ישיבתינו הק', האט דער אלעמען-געשעצטער נדבן ופטרון החבורה הרבני הנגיד המרומם הר"ר שלמה חיים הייזלער שליט"א, ראש הקהל דק"ק עצי חיים סיגוט ומח"ס 'נהר שלמה', זוכה געווען צו פארוואנדלען זיין שטוב אין אן אכסניא של תורה, מיטן באזוך פון כ"ק מרן רבינו עטת"ר שליט"א.*

## דער תורה ועבודה פילאנטראפ!

דער חשובער נדבן ופטרון החבורה הרה"ח רבי שלמה חיים שליט"א איז ברייט באקאנט ביי תלמידי וחסידי סאטמאר, זייענדיג דער לאנגיעריגער סיגוט'ער ראש הקהל, און געטרייער יד ימינו פון מרן רביה"ק בעל ברך משה זי"ע, וועלכע האט אים שטענדיג געשעצט און שטארק מחבב געווען מיט א חיבה יתירה.

דאס ידידות צווישן דעם רבי'ן זי"ע מיט יבלחט"א הרה"ח רבי שלמה חיים שליט"א האט זיך געשאפן נאך אינדערהיים אין סלאנטפינא, וואו ר' שלמה חיים האט זוכה געווען צו לערנען אלס יונג בחור'ל, און דער קשר אמיץ וחזק האט אנגעהאלטן אויך נאך די ביטערע זמנים, ווען ר' שלמה חיים האט זיך מדבק געווען אינעם רבי'ן זי"ע על אדמת אמעריקע דינענדיג אלס סיגוט'ער ראש הקהל, און האט זוכה געווען צו שטיין לימין הקודש פונעם רבי'ן זי"ע מיט א אויסטערלישער יראת הכבוד עד יומו האחרון עלי אדמות.

ארויסצוברענגען דעם רבי'נס הערצה כלפי דעם נדבן החבורה איז כדאי צו באמערקן אז אין יאר תשנ"ח, איידער ר' שלמה חיים איז אפגעפלויגן אויף א נסיעה צו די שטאט סיגוט, איז ער אריינגעגאנגען אל הקודש פנימה זיך צו מזכיר צו זיין ביים רבי'ן זי"ע.

דער רבי זי"ע איז זייער נתרגש געווארן, הערנדיג אז ר' שלמה חיים גרייט זיך צו פארן קיין סיגוט, מקום מנוחת אביו הקדוש בעל עצי חיים זי"ע, און האט זיך אויסגעדרוקט בזה"ל:

"אנקומענדיג קיין אמעריקע האב איך געהאט גוטע ידידים; כ'האב געהאט א ביהמ"ד און מתפללים; אבער א איד וואס איז געווען גרייט צו גיין אין פייער פאר מיינעט-וועגן, דאס איז געווען ר' שלמה!... דער טאטע ז"ל וועט אייך זיכער מכיר טוב זיין דערויף!"...

אויך לאחר הסתלקותו פונעם רבי'ן זי"ע האט זיך דער חשובער נדבן שליט"א באלד מדבק געווען בממלא מקומו כ"ק מרן רבינו עט"ר שליט"א, שטייענדיג לימין הקודש מיט א אויסטערלישע הערצה און יראת הכבוד.

איבערהויפט איז ר' שלמה חיים גאר אינסטרומענטאל צוצושטיין לימין מגמת נפשו פונעם רבי'ן שליט"א, צולייגנדיג א פלייצע צום "הרבצת התורה אפאראט", די מתיבתא הק' אין קרית יואל, מרבה צו זיין תורה פעלים כבירים לתורה ולתעודה.

## די בארימטע חבורה; "נהר שלמה"

אין די ראמען פון די חבורת "נהר שלמה – הל' שבת" זענען אנגעשלאסן א הערליכער צאל לומדי הישיבה, אינעם "היכל ברך משה – שיעור ב'" אפטיילונג, אונטער די השפעה פונעם חשובען ראש החבורה הרה"ג ר' יוסף שמואל פילאפף שליט"א.

עס איז איבעריג מרבה צו זיין אינעם וויכטיגקייט צו קענען די יסודות'דיגע הלכות שבת. ווען אימער א איד פראוועט אפ דעם שבת קודש, באגעגנט מען זיך מיט שאלות וספיקות בהלכה, א יעדע ריר איז פארבינדן מיט פארשידענע און קאמפליצירטע הלכות וועלכע זענען אקטועל און נוגע אויף יעדן פרט ופרט, אידן ווילן שטענדיג זיין פארזיכערט חלילה נישט נכשל צו ווערן מיט הארבע איסורים.

דעריבער איז וויכטיג זיך צו האלטן פאר די אויגן את המעשה אשר יעשון, די גאר וויכטיגע און יסודות'דיגע הל' וועלכע זענען נוגע מידי שבת בשבתו, נישט נכשל צו ווערן חלילה אין קיין נדנוד קל פון אן איסור דאורייתא, נאר נזהר צו זיין כדת וכדין.

די חשובע לומדי תורה וועלכע זענען אנגעשלאסן בהנהו חבורתא האבן אויסגעפולט צום נייעם זמן א "שטר הסכם", וואו עס ווערט פארצייכנט גענוי וועלכע סימנים מען וועט אדורכלערנען דעם קומענדיגן זמן בעז"ה; וועלכע זמנים פון טאג עס ווערט אדורכגעלערנט; דער מטרת החבורה, א.א.וו.

גלייכצייטיג ווערט פארצייכנט אינעם "שטר הסכם" ווי פאלגענד:

"אני מקבל על עצמי לעמוד לנסיון על הל' שבת בזו השנה; להשלים השיעורים בכל חודש וחודש; לעמוד לנסיון בכל חודש כפי תקנת החבורה; כל לימודי מסגרת



רבינו שליט"א איז מעיין אין שטרי יששכר וזבולון



רבינו שליט"א גיבט ברכות קדשו פאר הנגיד ר' שלמה חיים ני"ו



הנגיד ר' שלמה חיים ני"ו שרייבט אונטער דעם פאנטאסטישן סכום

החבורה זו שמור גם לנדבן הרבני מוה"ר שלמה חיים הייזלער הי"ו, בשותפות יששכר וזבולון!"...

ווי באקאנט איז דער יששכר-וזבולון-שותפות אן אור-אלטער געשעפט וואס איז מבואר בהלכה (שו"ע יו"ד סי' רמ"ו) און דער הייליגער אור החיים הק' איז שטארק מאריך אינעם געוואלדיגן ענין דערפון, ארויסברענגענדיג ווי ווייט די זכותים אדירים באגלייטן דעם מחזיק תורה לכל אורך הדרך.

### קניית "זכות החבורה" בהשתתפות כ"ק מרן רבינו שליט"א

אצינד ביים באזוך פון רבינו שליט"א אינעם שטוב פונעם פטרון החבורה – דעם פאראגאנגענעם דינסטאג פר' וירא – איז כמידי שנה בשנה ווידעראמאל פארגעקומען דער מעמד "קניית זכות החבורה", ווען עס איז פרעזענטירט געווארן פארן חשובן נדבן הי"ו דעם היי-יעריגן "יששכר וזבולון" שותפות פון "חבורת נהר שלמה".

ביים פייערליכן מעמד האט זיך אנגעזען דער השתתפות פון הגאון הצדיק אבדק"ק סאטמאר 15'טע עוו. שליט"א, און די חשובע חברי הנהלת המתיבתא הי"ו אין ברוקלין, אינאיינעם מיט די חשובע איידעמער פונעם פטרון החבורה, הרבני הנגיד מוה"ר חיים הערש שאהן הי"ו, וועלכע איז אליינס א נדבן פון די חשובע "חבורות י"ם התלמוד", מיט וועלכע היכל המתיבתא שטאלצירט, און הרבני הנגיד מוה"ר ישראל וויינגארטן הי"ו.

ביי די געלעגנהייט האט רבינו שליט"א פערזענליך גע'חתמ'ט בחתימת ידיו אויפן נוסח פונעם "שטר הסכם" צווישן דעם נדבן החבורה און די הנהלת המתיבתא, און דערביי צוגעוואונטשן פארן חשובן נדבן ברכות לרוב, זוכה צו זיין מרבה צו זיין פעלים לתורה ולתעודה מתוך רב נחת דקדושה.

עס בלייבט איבער צו וואונטשן פארן חשובן נדבן ר' שלמה חיים'ן הי"ו די ברכה וואס די תורה הק' וואונטשט אין אזא פאל: אורך ימים בימינה ובשמאלה עושר וכבוד.

# תלמידי המתיבתא אין אלע אפטיילונגען דערקוויקן זיך מיט "דברי פתיחה" פון כ"ק מרן רבינו עט"ר שליט"א

אלע אפטיילונגען – אינערהאלב די ישיבה ומתיבתא הק' - האבן בעז"ה געעפנט די טויערן צום נייעם זמן החורף, און די הונדערטער לומדי הישיבה פון איבעראל האבן מקיים געווען דעם "שובו לכם לאהליכם", ווען זיי זענען צוריקגעקומען צום "אהלה של תורה", מיטן ציל זיך צו שיצן אונטער די פליגלען פונעם גולת הכותרת פון מלכות סאטמאר, און זיך צוריקגעקערט צו די ספסלם דבי' מדרשא מיט א גייסט פון התחדשות און א חיות דקדושה צו שטייגן מעלות רמות בתורה ובעבודה.

באלד ביים אנהויב זמן האבן די חשובע בחורי חמד געהאט די זכי' מקבל פנים צו זיין כ"ק מרן רבינו שליט"א, וועלכער האט ווי שטענדיג איבערגעלאזט אלע טירדות דמתא און זיך אומגעקערט צו די ישיבה הק', כי זה חלקו מכל עמלו.

אלס א גוטע התחלה, "מיטן רעכטן פיס" ווי מ'זאגט, האבן די הונדערטער בחורי חמד תלמידי המתיבתא הק' - אין אלע אפטיילונגען - געהאט די זכי' צו הערן די "דברי פתיחה" פונעם ראש ישיבה כ"ק מרן רבינו עט"ר שליט"א.

ביי די בארימטע "תהלים שיעורים" וואס דער רבי שליט"א לערנט פאר נאכן דאווענען בהיכל הישיבה, האט כ"ק רבינו שליט"א אויסגענוצט די געלעגנהייט אויפצוטרעטן מיט דברי התעוררות והתחזקות לפתיחת זמן החורף, און ארומגערעדט איבער פארשידענע ענינים להלכה ולמעשה, אראפלייגנדיג פאר די בחורים זייער ציל אין די ישיבה, און וויאזוי יעדער בחור דארף זיך מתבונן זיין מה חובתו בעולמו, און טאקע אצינד אנהויב זמן זיך מאכן דעם חשבון וואס מ'האפט צו ערגרייכן ביז צום ענדע זמן.

אין יעדן אפטיילונג באזונדער האט דער רבי שליט"א אויפגעפאדערט די בחורי חמד זיך צו פירן ווי עס פאסט זיך פאר תלמידי ישיבתינו הק', אויסצופאלגן די תקנות הישיבה, און מסיים געווען בברכה אז די חשובע בחורי חמד זאלן זוכה צו שטייגן מעלות רמות בתורה ובעבודת ה', און זוכה זיין צו זעהן ברכה בעמלו של תורה.

די ווארעמע ווערטער האבן שטארק מחזק געווען די בחורים, און גערופן צו התבוננות און חשבון הנפש, און זיי האבן מיט גרויס פלייס און התמדה ממשיך געווען מיט די לימודים ביתר שאת ועוז.

# תלמידי מתיבתא גבוה הערן דרשה נפלאה פון הגה"צ אבדק"ק סאטמאר-מאנסי שליט"א

## נאך רירנדע בקשת רחמים ביים מקום מנוחתם פון הצדיקים הרביים מריבניץ ומסקולען זצוק"ל

די נאנט צו אכציג בחורי חמד מופלגים, תלמידים פון די "מתיבתא גבוה" שע"י ישיבתינו הק', זענען די טעג אונטערן רושם פון די דרשה נפלאה וואס זיי האבן געהאט דעם כבוד צו הערן פון הגה"צ אבד"ק סאטמאר-מאנסי שליט"א, וועלכער האט אין זיינע ווערטער מחזק געווען די בחורים באופן נעלה ונשגב, און די דרשה וועט אויף לאנג לאנג געדענקט ווערן צווישן די בחורים.

די חשוב'ע בחורי חמד תלמידי מתיבתא גבוה האבן אויסגענוצט דעם זמן מיוחד פון "ערב ראש חודש" און זענען צוזאמען מיט די מגידי שיעור ומשגיחים מומחים שליט"א צוגעפארן קיין מאנסי, פוקד צו זיין די ציונים מקום מנוחתם פון די צדיקים וואס ליגן דארט באהאלטן, ווי הרה"ק מריבניץ זצוק"ל, הרה"ק מסקולען זצוק"ל און נאך.

די בחורים זענען געפארן קיין מאנסי אין באגלייטונג פון די חשוב'ע מגידי שיעור ומרביצי תורה שליט"א ישנים וגם חדשים, די ביז איצטיגע מגידי שיעור הרה"ג ר' יצחק יעקב ראזענפעלד שליט"א און הרה"ג ר' ארי' דוב קארנבלי שליט"א, וועלכע זענען שוין יארן לאנג עוסקים בעבודת הקודש אין די מתיבתא גבוה, מיט א זעלטענעם געטריישאפט און הצלחה, צוזאמען מיט

די פריש-אויפגענומענע מרביצי תורה, הרה"ג ר' יודא אלישע הורוויץ שליט"א מגי"ש ומשפיע, (בן כ"ק גאב"ד סאטמאר-מאנטשעסטער שליט"א) און הר"ר משולם זושא שניטצלער שליט"א משגיח רוחני אין די ישיבה.

אויפ'ן וועג קיין מאנסי האבן די בחורים געהערט די טייערע פערל ווערטער פון הרה"ג ר' ארי' דוב קארנבלי שליט"א, וועלכער האט דערציילט פאר די בחורים פארשידענע ענינים נפלאים, מופתים און רוח הקודש וואס אידן בדורינו אלה האבן נאך געהאט די זכי' מיטצולעבן ביי דעם צדיק פלא הרה"ק מריבניץ זצוק"ל. אויך האט מען געהערט שיינע סיפורים וואס איז דערציילט געווארן דורך איינעם פון די חשוב'ע בחורים, כמר יוסף ב"ר אלימלך רוטנער נ"י, וואס זיין זיידע הרה"ח הישיש ר' יעקב חיים שליט"א, ווי אויך זיין פאטער הרה"ח ר' אלימלך הי"ו האבן פילע יארן מיטגעהאלטן דעם עבודת הקודש במסירת נפש ממש פונעם ריבניצער זצ"ל, נאך אונטערן אייזענעם פארהאנג אין רוסלאנד. אויפ'ן וועג האט מען געהערט עטליכע סיפורים וואס איז דערציילט געווארן דורך הב' המופלג יואל ברא"ד גליק נ"י, וועלכער האט באצויבערט די בחורים ווי זיין שטייגער אלעמאל.

אנקומענדיג קיין מאנסי, איז מען גלייך צוגעפארן צום ביה"ח, און מען האט דארט א לענגערע צייט מתפלל געווען ביים ציון פונעם ריבניצער צדיק זצ"ל, וואו דאס התעוררות איז געווען עד לב השמים. פילע אידן וועלכע זענען אנוועזענד געווען אויפן ארט, קומענדיג מתפלל זיין במקום מנוחת הקודש אין דעם זמן מיוחד, זענען מיטגעצויגן געווארן מיט די ווארימע תפלות ובקשת רחמים, און האבן א לענגערע צייט מיטגעזאגט פסוקי תהלים צוזאמען מיט די בחורים.

פון דארט זענען די בחורים צוגעגאנגען צום ציון פון הרה"ק מסקולען זצ"ל. פארן מתפלל זיין האבן די בחורים געהערט די גייסטרייכע דיבורים פון הרה"ג ר' יצחק יעקב ראזענפעלד שליט"א, וועלכער האט פאסיג ארויסגעברענגט ווי שטארק דער סקולענער צדיק זצ"ל האט זיך מיצר געווען בצערן של ישראל, נאכדעם וואס ער אליינס איז אזויפיל חדשים געווען מעונה ביסורין, זייענדיג פארשפארט אין תפיסה אונטער די רוסישע רשעים, און עס איז זיכער אז ביי זיין מקום מנוחה קען מען פועל'ן גרויסע ישועות, צו זיין אפגעהיטן מכל צער ונגע.

דערנאך האט מען דארט געזאגט פרקי תהלים מיט א געוואלדיגן התעוררות, און נאך א לענגערע צייט האבן די בחורים געזונגען צוזאמען דעם באקאנטן ניגון וואס דער סקולענער רבי זצ"ל האט פארפאסט אין תפיסה "יודע בגוים" וואס האט ארייגעברענגט רשפי התעוררות צווישן די טייערע תלמידים.

נאך א לענגערע צייט פון בקשת ישועה ורחמים, זענען די בחורים צוגעפארן צום ביהמ"ד הגדול דקהל יטב לב דסאטמאר, וואו די בחורים זענען אויפגענומען געווארן מיט גרויס כבוד דורכן מרא דאתרא הגה"צ אבד"ק סאטמאר-מאנסי שליט"א. נאכן זיך זעצן צו די טישן, האט דער חשוב'ער מגיד שיעור הרה"ג ר' ארי' דוב שליט"א אויפגעטרעטן מיט געציילטע ווערטער, פארשטעלענדיג פארן מאנסי-סאטמארער רב שליט"א די טייערע בחורים, און האט פארבעטן דעם רב שליט"א משמיע צו זיין מאמרותיו בנעימים פאר די בחורים.

דער מאנסי-סאטמארער רב שליט"א האט אין זיינע



ווערטער מקדים געווען דברי הלכה, ארומרעדענדיג די הלכות פון "אמירת הלל" שטייענדיג געציילטע שטונדן פאר ראש חודש, און דאן האט דער רב שליט"א משמיע געווען דברי חיזוק והתחזקות, וועלכע איז געווען מלא וגדוש מיט אויסטערלישע רעיונות, ווי אזוי זיך צו האלטן פעסט מיט אמונה און בטחון אפילו אין די שווערסטע אומשטענדן, און ווי אזוי תפלה פאר השי"ת נוצט אלעמאל בכל עת ובכל זמן. די דרשה וואס האט זיך פארצויגן אויף א לענגערע צייט, איז געווען כמים קרים על נפש עייפה, און האט אריינגעדרינגען טיף טיף אין די ביינער פון די חשוב'ע בחורים שיחיו. (טעיפ'ס פון די דרשה נפלאה איז דא צו באקומען ביי אוצר הטעיפ'ס "קרן שמואל ישעי'").

נאך די דרשה האבן די בחורים געהערט קורצע באגריסונג ווערטער פון הרה"ח מוה"ר יצחק ברוך ברוין הי"ו מחשובי קהל עדת חסידי סאטמאר אין מאנסי, און נאכ'ן זיך הערצליך באדאנקן פארן רב שליט"א פאר די ווארימע דיבורים, האט מען זיך אומגעקערט אהיים קיין קרית יואל. אויפן וועג האט מען זיך ספעציעל באדאנקט פאר דעם געטרייער "גבוה גבאי" הב' החתן כמר יואל שווארץ נ"י, וועלכער האט זיך שטארק אוועקגעגעבן פאר די הצלחה פון די נסיעה. אויך האט מען באדאנקט פאר האברך החשוב ר' יואל ברמ"י פריעדמאן הי"ו משמש ביהמ"ד דסאטמאר-מאנסי.

אין די שפעטע נאכמיטאג שטונדן האבן די בחורים אויך מתפלל געווען ביים ציון הק' אין קרית יואל, מקום מנוחתם פון רבוה"ק מסאטמאר זי"ע, וואו דאס התעוררות האט זיך גובר געווען באופן נעלה.

נאך די בקשת רחמים, האבן די בחורים זיך אומגעקערט צום היכל הישיבה, וואו זיי זענען ממשיך מיט די סדרי הלימוד וואס גייט ב"ה אן מיט א געוואלדיגע הצלחה באופן "גבוה" ונעלה.

# הערליכע "מעמדי קביעות מזוזות" און "מסיבות לחיים" לרגל פתיחת ההיכלים לתורה ויראה

אין צוזאמענהאנג מיט'ן הרחבת גבולי דקדושה בתוככי היכל המתיבתא, ווען עס זענען געעפנט געווארן די טויערן פון עטליכע נייע בתי מדרשים, עס-זאלן, און שיעור-כיתות, איז פארגעקומען הערליכע מעמדי "קביעת מזוזות" בהשתתפות כ"ק מרן רבינו עטת"ר שליט"א.

נאכדעם וואס כ"ק מרן רבינו שליט"א איז נתכבד געווארן אויפצוקלאפן די מזוזה אויפ'ן אריינגאנג פונעם היכל הבית מדרש, איז אפגעראכטן געווארן הערליכע "מסיבות לחיים" אינאיינעם מיט די חשובע בחורי חמד, און מרביצי תורה שליט"א, ווען בראש השלחן איז געזיצן מיט גרויס התרגשות כ"ק מרן רבינו שליט"א. עס האט געהערשט אן ערנסטן שטימונג, שהחיינו והגיענו לזמן הזה להרחיב גבולי הקדושה, ולהגדיל תורה ולהאדירה.

נאכ'ן וואונטשן "לחיים", האט דער רבי שליט"א געזאגט קורצע דברות קודש, אנוואונטשענדיג ברכות לרוב פאר די חשובע הנהלת המתיבתא, וועלכע האבן זיך אוועקגעגעבן בלב ונפש פארן די פראיעקטן להרמת קרן התורה, און דערביי צוגעוואונטשן פאר די חשובע בחורי חמד אז זיי זאלן זוכה צו לערנען תורה בהתמדה רבה, און שטייגן מעלה מעלה לתפארת מרנן רבותיה"ק זיע"א בגנזי מרומים.

עס איז דער וואונטש פונעם חשוב'ן ציבור, אנשי שלומינו די בכל אתר ואתר: כה לחי! יזכו להגדיל תורה ולהאדירה מתוך ברכה והצלחה רבה.

# געהויבענער "ראש חודש פאר תלמידי מתיבתא גבוה; בהשתתפות כ"ק מרן רבינו שליט"א

מתיבתא גבוה. - די וואך דינסטאג, ג' פרשת ויצא זענען די בחורי חמד, תלמידים פון די "מתיבתא גבוה" איבערראשט געווארן, מקבל פנים צו זיין פני כ"ק מרן רבינו שליט"א, וועלכער איז אנגעקומען אויף א פלוצים'ער באזוך אין זייער היכל הישיבה, בביהמ"ד זכרון צבי דספינקא אין קרית יואל, וואו דער רבי שליט"א האט א לענגערע צייט פארברענגט צוזאמען מיט די בחורים, און האט גענאסן א געוואלדיגן קורת רוח, הערענדיג דעם קול תורה אדיר וואס קומט ארויס מבין כותלי ביהמ"ד.

אנקומענדיג אין ביהמ"ד איז דער רבי שליט"א שטארק נתפעל געווארן מיטצוהאלטן פון דער נאנט דעם התמדת התורה פון די חשוב'ע בחורים, און דער רבי שליט"א האט פאר א ווײַלע זיך ארומגעדרייט צווישן די טישן, זיך אפשטעלנדיג ביי יעדע חברותא, זען וואו מען האלט, וכדרכו האט דער רבי שליט"א געפרעגט ביי די בחורים עטליכע שאלות איבער די גמרא וואס מען לערנט איצט. עס איז געווען פארן רבי'ן שליט"א א שעה של קורת רוח ביים זיך אומקוקן אויף די התמדה פון די חשוב'ע בחורים, וועלכע זענען געווען אזוי שטארק ארייגעטון בעסק התורה מיט גרויס פלייס און חיות.

נאך א לענגערע צייט וואס דער רבי שליט"א האט פארברענגט מיט די בחורים, האט דער רבי שליט"א זיך פאראינטערעסירט ביי די חשוב'ע מרביצי תורה שליט"א איבער די לימודים אין די ישיבה, און האט ארויסגעברענגט זיין שטארקע הנאה פון דעם שיינעם באזוך ביי די בחורים.

דער באזוך פונעם רבי'ן שליט"א אין די מתיבתא גבוה, איז געווען שוין דער צווייטער באזוך דעם זמן, נאכדעם וואס די פארגאנגענע וואך האט דער רבי שליט"א האט פארגאנגענעם מיטוואך, בדר"ח כסלו געפראוועט א געהויבענעם טאג צוזאמען מיט די בחורים, תלמידים פון די מתיבתא גבוה.

דער רבי שליט"א איז מיטוואך אינדערפרי אנגעקומען, צו א פול געפאקטן ביהמ"ד פון די חשוב'ע בחורים וועלכע האבן זיך פארזאמעלט אין זייער ביהמ"ד. דאס דאווענען צוזאמען מיטן רבי'ן שליט"א איז געווען ביתר שאת ווי יעדן טאג, זייענדיג מיט א געוואלדיגן התעוררות און התרגשות. פארן עמוד האט געדאווענט איינער פון די חשוב'ע תלמידים, הב' המופלג ידען נפלא כמר יואל בראַ"ד גליק הי"ו, און צו אמירת ההלל האט דער רבי שליט"א יורד געווען לפני התיבה מיט גרויס התרגשות. תפלת המוספין האט פארגעדאווענט דער חשוב'ער מגיד שיעור הרה"ג ר' ארי' דוב קארנבלי שליט"א.

נאכן דאווענען זענען די בחורים דורך איינציגווייז מקבל צו זיין ברכת הקודש פון רבי'ן שליט"א, און דער רבי שליט"א האט זיך פאראינטעסירט ביי יעדן בחור אלע זיינע פרטים. אינדערצווישנצייט איז דער ביהמ"ד צוגעגרייט געווארן צו סעודת ראש חודש, און עס אהערגעשטעלט געווארן א רייכע סעודה לכבוד היום. נאכדעם וואס די בחורים און מרביצי תורה שליט"א האבן זיך געוואשן צו די סעודה, איז דער רבי שליט"א ערשינען צום עריכת השולחן לכבוד היום. דער רבי שליט"א האט זיך געוואשן, און פארטיילט שיריים פאר די בחורים פון אלע מאכלים.

במשך די גאנצע סעודה האבן די בחורים געזונגן ווארימע ניגונים מעניני דיומא, און מיטן זינגן ברכו נפשי האט דער רבי שליט"א מכבד געווען הרה"ג ר' יודא אלישע הורוויץ שליט"א מגי"ש ומשפיע רוחני אין די ישיבה.

מיט יראת הכבוד האבן די בחורי חמד זיך צוגעהערט צו די דברות קודש וואס דער רבי שליט"א האט משמיע געווען, וואס זייענדיג אונטערן רושם פון דעם געהויבענעם דאווענען, האט דער רבי שליט"א משמיע געווען א ריי מיט גאר געהויבענע בחינות פון דברי חיזוק והתחזקות, טיפזיניגע רעיונות פון וואס א איד קען שעפן חיות און חיזוק אין יעדן מצב אין וואס מען געפונט זיך נאר. א לענגערע צייט האט דער רבי שליט"א מאריך געווען מיט דברות קודש, מחזק צו זיין די בחורים, אנצוהאלטן מיט זייער התמדה בתורה והתעלות ביראת שמים, כי זה כל האדם.

דער רבי שליט"א האט אויסגעפירט מיט ווארימע ברכות פאר די חשוב'ע בחורים שיחיו, און נאכן הערן אזעלכע הארציגע דברי חיזוק האבן די בחורים פייערליך געזונגן ניגונים פון חיזוק און שמחה, וואס האט יעדן איינעם שטארק מיטגעצויגן.

מיטן בענטשן האט דער רבי שליט"א מכבד געווען הרה"ג ר' יוסף לייב קאהן שליט"א מנה"ר. נאך די שיינע מסיבה האט דער רבי שליט"א ווארעם באגריסט דעם בעל אכסניא פונעם ביהמ"ד הרה"ח ר' יוסף ניימאן הי"ו, וועלכער האט פארבעטן דעם רבי'ן שליט"א צו באזוכן די מהודר'דיגע מעיין מקוה וואס איז געבויט אין דעם ביהמ"ד. דער רבי שליט"א האט זיך אומגעקוקט אויף די מקוה, און פארפירט הלכה'דיגע שמועסן מיט די מרביצי תורה שליט"א אין די ישיבה, איבער פארשידענע הלכה'שע עספעקטן בעניני מקוואות.

דער שיינער באזוך האט שטארק עושה רושם געווען צווישן די תלמידי הישיבה, פאר וועמען דער באזוך איז געווען כמים קרים על נפש עייפה.



רבינו שליט"א ביים סעודות ר"ח כסלו מיט די תלמידי מתיבתא גבוה



רבינו שליט"א ביים דאווענען ר"ח כסלו מיט די תלמידי מתיבתא גבוה

# העכסט-יסודות'דיגע אסיפות אפגעהאלטן געווארן אין אלע אפטיילונגען "בעפאר" און "נאך" התחלת הזמן

ס'איז געגצליך איבעריג צו ערקלערן אז איינס פון די יסודות'דיגע ענינים – אדער גאר 'דער' יסוד היסודות - אויף וואס עס דארף געלייגט ווערן א שטארקער דגוש, איז א שטארקע צוזאמארבעט צווישן די עלטערן שיחיו און די מגידי שיעור, מנהלים, און הנהלת המוסדות.

די הנהלת הישיבה גיבט זיך אפ און רעכנט זיך מיט יעדן בחור פערזענליך, יעדער ווערט באהאנדלט לויט זיין מדריגה, הבנה, און מען לייגט כסדר אריין אויסטערלישע כוחות להצלחת התלמידים, גאר אסאך מח און מחשבה איז מען משקיע אז די חשובע בחורי חמד זאלן שטייגן און נתעלה ווערן טאג טעגליך.

ס'איז אבער זעלבסטפארשטענדליך אז אן די מיטהילף און קאמיוניקאציע פון די חשובע עלטערן איז די ארבעט פילפאכיג שווערער, און דעריבער פאדערט זיך אז די תלמידי הישיבה זאלן שפירן דעם 'טראסט' און 'צוזאמארבעט', וועלכע טוט פארלייכטערן די ארבעט כפי כמה, און פארזיכערט א שטארקע הצלחה.

און טאקע דאס איז אייגענטליך געווען דער ציל פונעם געוואונטשענעם "אסיפות", וועלכע זענען אפגעהאלטן אין לויף פון די פארגאנגענע וואכן - סיי בעפאר התחלת הזמן און סיי דערנאך - מיטן ציל צו פארזיכערן א פאראייניגטע צוזאמארבעט צווישן די חשובע מנהלים שליט"א, הורי התלמידים הי"ו, און חשובע לומדי הישיבה שיחיו, און אז אלע אויפאמאל זאלן ארבעטן אויף איין ציל און מטרה: לשמור ולעשות ולקיים!

עס איז דער פולער האפענונג פון תלמידי וחסידי סאטמאר איבער די גארער וועלט אז חפץ ה' בידינו יצליח, אז מיט דורכן לייגן א שטארקן דגוש אויף א פאראייניגטע צוזאמארבעט צווישן די עלטערן שיחיו און די מגידי שיעור, מנהלים שליט"א, וועלן מיר זוכה זיין צו זיין הצלחה בפרי עמלינו.

# 'גאר אפעקטיווע רעזולטאטן ביי "אסיפות הורים ותלמידים" אינערהאלב שיעור א'

שיעור א'. - א העכסט-געלונגענער "אסיפות הורים" איז אפגעהאלטן געווארן דעם פארגאנגענעם זונטאג פר' חיי שרה אינערהאלב שיעור א' (ח"ב), וועלכע ווערט געפירט אונטער די הנהלה פון הרה"ג ר' דוד שלמה עקשטיין שליט"א, מיטן באטייליגונג פון די חשובע און געטרייע הורי התלמידים תושבי קרית יואל שיחיו.

די אסיפה האט שוין נאכגעפאלגט דער גאר-מוצלח'דיגער "אסיפת התלמידים" וועלכע איז פארגעקומען אין ביהמ"ד "אהל פיגא" אין קרית יואל, בעפארן התחלת הזמן, וואו דער מנהל שליט"א האט פארגעלייגט דעם גענויעם בלו-פרינט און רוחניות'דיגער פלאן אויפן קומענדיגן יאר, סיי די לימודים אין שיעור פשוט, און שיעור עיון, און פרעזענטירט דער געוואונטשענער ציל און מטרה אויפן בעפארשטייענדער זמן, אויסצורופנדיג צו די בחורי חמד דעם "מי האיש הירא ורך הלבב!", דאס זענען די פלענער און אין זייערע הענט ליגט די ברירה בוחר צו זיין, צי זענען זיי גרייט מיטצופארן מיטן רוחניות'דיגן באן.

דער אפקלאנג איז געווען גאר פאזיטיוו, ווען די הונדערטער בחורי חמד הי"ו האבן זיך כולם כאחד מיטגעכאפט מיטן וואגן, האלטנדיג די הייליגן צילן פאר די אויגן, צו שטייגן בתורה ובעבודת ה' עשר מעלות רמות.

אצינד ביים "אסיפת הורים" אין קרית יואל האט דער חשובער מנהל שליט"א גענומען דאס ווארט, און מיטגעטיילט מיט די חשובע עלטערן שיחיו איבער גאר וויכטיגע נקודות וועלכע איז נוגע פאר עלטערן מיטצוהאלטן און וויסן, א שטייגער ווי:

דער העכסט-געוואונטשענער "פארטאגס סדר", וואו די חשובע בחורי חמד שיחיו זענען זיך משלים אין "שיעור גפ"ת", ארייגכאפנדיג צענדליגער בלעטער גמרא אין די פריע פארטאגס שטונדן, וואס דערצו פעלט אויס די הילף פון די חשובע עלטערן שיחיו, מזרז צו זיין די בחורים אויפצושטיין בהשכמה פארן תכלית החינוך; ער האט מתריע געווען איבער די שעדליכע כלי "סעלפאון" וועלכע האט שוין פאראורזאכט עגמת נפש פאר אזויפיל לומדי תורה אין זייערע צעבראכענע עלטערן, סיי ברוחניות און סיי בגשמיות.

"ליידער האט שוין דער אומשולדיג-אויסזעענדער "סעלפאון" אראפגעפירט זייערע אסאך ערליכע בחורים עד לשאול תחתי'! רבים חללים הפילה! ס'וועט נישט זיין קיין גוזמא צו שרייבן אז 98 פראצענט בחורים וועלכע האבן געהאט ביי זיך אין באזיץ אזא כלי זענען ליידער קאליע געווארן ר"ל!" האט דער מנהל שליט"א געשטורעמט.

דאן איז אויסגעשמועסט געווארן פארשידענע אנדערע וויכטיגע ענינים, אזעלכע טעמעס ווי: דארמיטארי; די "השגחה" פון עלטערן אויף די אייגענע קינדער נישט אינעם זמן הלימוד; די פאראייניגטע אויפגאבע צווישן די עלטערן און הנהלת הישיבה צו ערפולן דעם תפקיד בשלימות גמור.

די חשובע קרית יואל'ער עלטערן זענען זיך צעגאנגען פון די אסיפה שטארק באאיינדרוקט, אנערקענענדיג די שווערע הארעוואניע וואס ווערט אינוועסטירט למען חינוך בנינו הק', און גלייכצייטיג האט מען צווישן זיך מקבל געווען פעסטע קבלות צו פארשטערקערן די געמיינזאמע צוזאמארבעט צווישן די עלטערן שיחיו און די מרביצי תורה שליט"א, וועלכע וועט ברענגען א שטארקער תועלת.

אין די טעג ווערט געפלאנט א ענליכע "אסיפת הורים" פאר די חשובע עלטערן פון תלמידי השיעור, תושבי וויליאמסבורג.

פרטים יבואו.

# "אסיפת התלמידים" אינערהאלב שיעור ג' אפטיילונג לאזט איבער איינדרוקספולער רושם

שיעור ג'. - אינעם פארנומענעם ערב יו"ט סעזאן צווישן יו"כ און דער הייליגער יו"ט סוכות, האבן די



חשובע מנהלים ומרביצי תורה שליט"א אינערהאלב שיעור ג' פאררופן א דרינגענדע "אסיפת התלמידים" אינעם ביהמ"ד ויואל משה אויף 141 ראסס סט. אין וויליאמסבורג, וואו עס האט זיך צונויפגעזאמלט א ריזן ציבור בחורי חמד לומדי הישיבה.

גענומען דאס ווארט האט דער חשובער מנהל רוחני הרב אברהם מאיר מארקאוויטש שליט"א וועלכער האט זיך געווענדן דירעקט צו די חשובע בחורים, און אויסגעשמועסט מיט זיי די גענויע פלענער און דעטאלן פונעם בלו-פרינט צום נייעם זמן החורף.

רעדנדיג שוין צו ערוואקסענע בחורים בעל דעת והשכל האט דער מנהל שליט"א בנועם שפתיו באצויבערט דעם ציבור מיט זיינע מאמרים, שילדערנדיג ווי ווייט די מרביצי תורה שליט"א קוקן ארויס אויפן תכלית הנרצה און געוואונטשענע רעזולטאטן אויפן בעפארשטייענדן ווינטער זמן הבעל"ט, און דערביי האט ער אויפגעפאדערט די חשובע בחורים צוצולייגן א פלייצע און פארזיכערן אז מען זאל ערמעגליכט ווערן צוצוקומען צום פאראייניגטן ציל.

עס האט געהערשט א ברודערליכער שטימונג צווישן אלע בחורי חמד, וועלכע זענען געווען פעסט אנטשלאסן אריינצוטרעטן אינעם זמן החורף מיט א פרישקייט און התחדשות, ארבעטנדיג האנט ביי האנט מיט די חשובע מרביצי תורה שליט"א צו מאכן פארשריט מעלה מעלה על סולם העולה בית קל.

דאן האט אויפגעטרעטן מיט גאר פאסיגע דברי חיזוק והתחזקות דער ראש השיעור הרב הגאון רבי מאיר צוויבל שליט"א מח"ס נר למאיר, וועלכער האט אריינגעגאסן עמערס חיזוק אין די חשובע בחורי חמד, וועלכע האבן געשלינגען מיט דורשט א יעדעס ווארט.

הרה"ג ר' מאיר שליט"א אלס בארימטער מגיד מישרים האט נאכדערציילט די באקאנטע מימרא וואס דער הייליגער ייטב לב זצ"ל האט געזאגט אמאל ביי א געלעגנהייט פאר א קבוצה תלמידים, אז מיר זאגן פארן רבונו של עולם ביים דאווענען "אתה בחרתנ"ו", דו רבוש"ע האסט אונז געמאכט פאר א בחור, בעטן מיר דיר "והשיאנ"ו", מאך אונז אויך חתונה... עכדה"ק.

האט הרה"ג ר' מאיר שליט"א מוסיף געווען אז אויב וועלן מיר אריינטראכטן אין די ווערטער וועלכע מיר זאגן ביים דאווענען "צווישן" די צוויי ווערטער - ווען מען האלט אין א מצב פון אן ערוואקסענער בחור אין די ישיבה וואס קוקט ארויס געהאלפן צו ווערן - זאגן מיר דארט: אהבת אותנו, ורצית בנו, ורוממתנו מכל הלשונות! א יעדעס ווארט שרייט פאר זיך דברי חיזוק אין אזעלכע זמנים, מען טאר נישט זיין צעבראכן און געפאלן ביי זיך, דער רבונו של עולם קוקט זיך אים אויף יעדן איינעם באזונדער, די אהבה פון השי"ת צו א יעדן איד בכלל, און דער בחור הישיבה בפרט, איז עד אין שיעור וערך.

לסיום דבריו האט דער ראש השיעור שליט"א צוגעלייגט בצחות לשונו, אז צווישן אנדערן זענען מיר דארט מתפלל אויך אז יעלה ויבא ויגיע וישמ"ע אז מען זאל האבן אן אוזן קשבת אן אפענער אויער... "ענקערע תפילות זענען נתקבל געווארן!" האט הרה"ג ר' מאיר שליט"א אויסגעפירט "ענקערע געטרייע מרביצי תורה שליט"א זענען גרייט צו הערן ענק סיי וואספארא סארט פארשלאגן, הערות, און באמערקונגען, וויאזוי צעפרינדצושטעלן יעדן בחור באזונדער, אז יעדער בחור זאל שפירן א סיפוק אין לערנען, א סיפוק אין דאווענען, כי זה כל האדם.

די תוכנ'דיגע ווערטער האבן גאר שטארק עושה רושם געווען אויף אלע בחורי חמד הי"ו און האט איבערגעלאזט אלע מיט די פעסטע החלטה לשמור ולעשות ולקיים.

# זעלטענער באטייליגונג ביי וויכטיגע אסיפות; אינערהאלב "היכל ברך משה" – שיעור ב'

שיעור ב'. - בו בזמן וואס די בעלי מלאכה האבן נאך עוסק געווען במלאכתם, אהערצושטעלן די פראכטפולע בתי מדרשים, עס-זאלן, און שיעורים-כיתות פאר א יעדן עלטער באזונדער, איז אויך געמאכט געווארן גאר פארשריט ברוחניות, ווען די חשובע מנהלים ומרביצי תורה שליט"א אינערהאלב "היכל ברך משה - שיעור ב'" האבן זיך אוועקגעזעצט מיט יעדן איינעם פון די זייערע צוקונפטיגע תלמידים באזונדער, צו פארזיכערן זייער קבלה טובה לשמור ולעשות ולקיים, אנצוהייבן דעם זמן מיטן רעכטן פיס.

דאן איז אראנדזשירט געווארן די צוויי הערכסט-מוצלח'דיגע "אסיפות הורים", וועלכע זענען פארגעקומען סיי אין וויליאמסבורג און סיי אין קרית יואל, מיטן זעלטענער באטייליגונג פון א ריזן ציבור חשובע עלטערן שיחיו, די איינציגע-שותפים אינעם עבודת החינוך, צו פארזיכערן א פאראייניגטע צוזאמארבעט וועלכע וועט בעז"ה ברענגען די געוואונטשענע הצלחה.



עס איבעריג צו ערקלערן דער נחיצות הענין פון "קשר צווישן די עלטערן מיט די מרביצי תורה", וועלכע איז דער שליסל פאר הצלחה, ס'איז אבער פארשטענדליך אז כדי צו שאפן דער סארט קשר, דארפן די עלטערן מיטהאלטן מיט די פעולות וואס די מרביצי תורה לייגן אריין אין די ישיבה; די לימודים וואס מען לערנט; דאס התעלות פון זייער בחור, און אלע אנדערע אנטוויקלונגען.

און טאקע דאס איז געווען דער ציל פון די אסיפות, וועלכע איז פארגעקומען אין וויליאמסבורג אינעם "עזרת

נשים - בית ריזל אין ביהמ"ד המפואר ד'קהלתינו הק', און אין קרית יואל אינעם זאל פונעם "שאפינג צענטער" אין שפיץ פונעם חשובן מנהל רוחני הרה"ג ר' לוי יצחק בארזעסקי שליט"א, הרה"ג ר' ליפא ווערצבערגער שליט"א ראש השיעור, הרה"ג ר' מרדכי אהרן זאבעל שליט"א, און הרה"ג ר' יוסף שמואל פילאפף שליט"א ראש הילכתא הל' שבת.

די חשובע מרביצי תורה שליט"א האבן אויסגעשמועסט דעם פונקטליכער סדר הלימודים וואס ווערט געלערנט בין כותלי הישיבה, און עס איז אויסגעשמועסט געווארן דער שטרענגער צוגאנג וואס וועט גענומען ווערן צו די שעדליכע כלי "סעלפאון", און דער אחריות וואס ליגט אויף די עלטערן צו באגלייטן זייער בחורים לכל אורך הדרך, מיטצואַרבעטן האנט ביי האנט מיט די מרביצי תורה שליט"א, אין די זמנים ווען ער געפונט זיך נישט בין כותלי הישיבה, און מיטהאלטן זיין התעלות ממדריגה למדריגה.

דער חשובער מנהל שליט"א האט ארויסגעברענגט אז דער ציל פון די מרביצי תורה שליט"א איז אריינצוברענגען א צופרידנהייט אינעם בחור, אז ער זאל שפירן א סיפוק הנפש אין א הצלחה יתירה, און באזונדער איז אויסגעשמועסט געווארן די חתנים-טעמע וואס איז שטארק נוגע פאר שיעור ב', ווען בחורים ווערן צומאל צעקלאפט און צעבראכן, און עס ליגט א חוב אויף עלטערן אינאיינעם מיט די מרביצי תורה זיי מחזק צו זיין און געבן מוט און א געשמאקער געפיל.

דאן האבן אויפגעטרעטן די חשובע מרביצי תורה שליט"א וועלכע האבן כולם כאחד שטארק ארויסגעהויבן דער נייער מהלך וואס די הנהלת הישיבה האט גענומען, און האבן מיטגעטיילט דעם סדר ותוכן הלימודים א.א.וו.

ס'איז באמת געווען א פארגעניגן זיך צוצוקוקן וויאזוי די עלטערן זענען נאך די דרשה צוגעגאנגען צו די חשובע מרביצי תורה שליט"א און זיך הערצליך באדאנקט, אויסדרוקנדיג באגייסטערונג און התפעלות פונעם נייעם איינשטעל וואס איז אינוועסטירט געווארן, וועלכע איז בעז"ה א גאר שטארקער תועלת און תכלית.

און טאקע מיט אזא התחלה האבן די לומדי חשובע "היכל ברך משה - שיעור ב'" אריינגעטרעטן אינעם זמן מיט פלייס און חשק, זיך אוועקזעצנדיג צו די גמרות בהתמדה רבה, מיטן ציל און שטרעבן נתעלה צו ווערן בתורה וביראה טהורה, כאוות נפשם פון זייערע חשובע עלטערן און מרביצי תורה שליט"א.




מיר וואונטשן א פרייליכן
חנוכה פאר אלע הורי
תלמידי ישבתינו הק'
און פאר אלע אונזערע
חשובע תומכים


# התלהבות'דיגע תפילות בהשתתפות כ"ק מרן רבינו שליט"א שאפט רוח מרומם אין אלע אפטיילונגען

די התלהבות'דיגע תפילות בהיכל המתיבתא בהשתתפות כ"ק רבינו שליט"א איז שוין היינט א שם דבר ביי תלמידי וחסידי סאטמאר, און איז א עונג רוחני און גייסטיגער פארגעניגן פאר די חשובע תלמידי הישיבה, וועלכע זענען זוכה מיטצודאווענען מיטן מנין פון רבינו שליט"א און זיך מתחמם זיין לאורו, און גלייכצייטיג איז עס א שעה של קורת רוח פאר רבינו שליט"א זיך אומצוקוקן פונדערנאנט אויף תלמידיו הקרויים בנים, און שעפן תענוג ונחת דקדושה מפרי עמלו. עס איז איינגעשטעלט געווארן א סדר, אזוי אז עס זאל געגעבן ווערן פאר יעדן אפטיילונג באזונדער די געלעגנהייט במשך אין די וואך זוכה צו זיין צו דאווענען במחיצתו פון רבי'ן שליט"א.

די התלהבות'דיגע תפילות ווערן באגלייט מיטן בארימטן "תהילים שיעור" ווען כ"ק מרן רבינו שליט"א מעוטף בטליתו איז משמיע א ריי מיט גאר געהויבענע בחינות פון דברי חיזוק והתעוררות, און עס לאזט איבער א רושם כביר אויף די בחורי חמד, און איז א גוטע התחלה אנצוהייבן דעם טאג בכי טוב.



# קול מצהלות חתנים!

בשם רבנן ותלמידיהון, לומדים מופלגים,

וחברינו היקרים תלמידי ישיבה ומתיבתא תורה ויראה דרבינו יואל מ'סאטמאר

**הננו בזה לשגר ברכותינו החמות והלבבית מול פני ידידינו וחברינו היקרים ה"ה**

## שיעור א

הבה"ח **יוסף מענדל** ב"ר נח אשר **היימאן**- וויליאמסבורג

הבה"ח **שמעון** ב"ר שמואל אהרן **לאנדא**- קרית יואל

הבה"ח **קלמן אליעזר** ב"ר משה יודא **עקשטיין**- קרית יואל

הבה"ח **שלמה** ב"ר נחמן **פיש**- קרית יואל

## שיעור ב

הבה"ח **אברהם אליעזר** ב"ר אביש יצחק **גוטטעסמאן**- לאנדאן

הבה"ח **יואל** ב"ר מאיר אפרים **גראהמאן**- קרית יואל

הבה"ח **חיים** ב"ר מתתי' **דייטש**- וויליאמסבורג

הבה"ח **שמואל מאיר** ב"ר ישראל יעקב **דייטש**- קרית יואל

הבה"ח **אלטר אלעזר** ב"ר הערשל **האלפערט**- וויליאמסבורג

הבה"ח **ליפא** ב"ר שלום יצחק **יאקאבאוויטש**- וויליאמסבורג

הבה"ח **יואל** ב"ר ישראל **פערל**- קרית יואל

הבה"ח **אהרן יוסף** ב"ר העניך **פריעד**- קרית יואל

הבה"ח **יואל** ב"ר חיים יעקב צבי **שאהנפעלד**- וויליאמסבורג

הבה"ח **אלימלך שמשון** ב"ר משה יוסף **שווארץ**- קרית יואל

הבה"ח **אברהם דוד** ב"ר יודא יעקב יוסף **שטיין**- אנטווערפן

הבה"ח **שלמה** ב"ר משה שמואל **שטערן**- בארא פארק

## שיעור ג

הבה"ח **יושע וואלף** ב"ר אברהם **גוטמאן**- וויליאמסבורג

הבה"ח **אברהם צבי** ב"ר חיים יושע **געלבשטיין**- וויליאמסבורג

הבה"ח **נפתלי** ב"ר חיים ברוך **וויזענפעלד**- וויליאמסבורג

הבה"ח **הערשל** ב"ר משה יוסף **ווערטהיימער**- וויליאמסבורג

הבה"ח **שלמה** ב"ר אלי' **ניישטאדט**- קרית יואל

הבה"ח **יוסף מאיר** ב"ר שלום דניאל **סאאל**- קרית יואל

הבה"ח **אברהם** ב"ר משה נתן **פאוועל**- בארא פארק

הבה"ח **מנחם יודא רפאל** ב"ר חיים צבי **קליין**- וויליאמסבורג

## שיעור ד - מתיבתא גבוה

הבה"ח **פנחס** ב"ר מרדכי צבי בנימין **איידליס**- קרית יואל

הבה"ח **שמואל מרדכי** ב"ר שאול יחזקאל **גאלדבערגער**- ב"פ

הבה"ח **חיים צבי** ב"ר מענדל **גאלדבערגער**- וויליאמסבורג

הבה"ח **שלמה צבי** ב"ר רחמים אברהם **דאנא**- קרית יואל

הבה"ח **איתמר** בן אדמו"ר מקראלי שליט"א **הורוויץ**- וויליאמסבורג

הבה"ח **יודא הערש** ב"ר אשר אנטשיל **ווייזער**- וויליאמסבורג

הבה"ח **נפתלי זאב** ב"ר אלי' שאול **כ"ץ**- בארא פארק

הבה"ח **יואל דוד** ב"ר יודא **לאק**- קרית יואל

הבה"ח **יצחק** ב"ר מרדכי **מיטטעלמאן**- וויליאמסבורג

הבה"ח **עזריאל** ב"ר יעקב ע"ה **מיטעלמאן**- וויליאמסבורג

הבה"ח **יוסף אהרן** ב"ר יצחק **סופר**- מאנסי

הבה"ח **פנחס אלחנן** ב"ר ליפא **פריעדמאן**- וויליאמסבורג

הבה"ח **יעקב יוסף** ב"ר אברהם ברוך **ראזענבערג**- בארא פארק

הבה"ח **ירחמיאל** ב"ר מרדכי לייב **ראטה**- וויליאמסבורג

הבה"ח **יואל** ב"ר אלי' **שווארץ**- וויליאמסבורג

## לרגל שמחת אירוסיהם בשעה טובה ומוצלחת

**בחדשי תשרי - חשון העעל"ט**

משמים ישפע שפע ברוח עוז וגבורה טללי אורות והשפעות טהורות בתדירה
זוכה לתורה להמשיך בלימודו בעוז ותפארה ויגן עליו להעמיד בנים ובני בנים עוסקים בתורה
לשמוע קול מצהלות חתנים בשמחה ורנה בבנין הבית בשכלולה וקיבוץ שה פזורה

**הנהלת הישיבה**



